


ניו יארק סיטי

# העלט דעפארטמענט סערוויסעס



פארשטערקערן און באשיצן

# דאס געזונטהייט פון אלע ניו יארקער

אונזער געזונטהייט ווערט באשטימט לויט וואו מיר וואוינען, וואקסן, ארבעטן און שפילן. פיל פאקטארן, אריינגערעכנט דיסקרימינירנדע פאליסיס און באגרעניצטע הילפסמיטלען, פאראורזאכן טייל געגנטער צו האבן ערגערע געזונטהייט שטאפלען ווי אנדערע.

די העלט דעפארטמענט איז איבערגעגעבן צו פארשמעלערן דעם אונטערשייד אין געזונטהייט שטאפלען דורכן מוטיגן ראסע אייניגקייט און געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט דורך אירע פאליסיס און פראגראמען. גאר וויכטיג צו די אלע באמיאונגען איז דאס וואס מיר טוען צושטעלן סערוויסעס פאר נידריג-קאסט ביז אומזיסט און אין פיל שפראכן, אפגעזען פון אייער פינאנציעלע אדער אימיגראציע סטאטוס.



דער ביכל איז איינגעטיילט אין פיר קאטעגאריעס וועלכע שפיגלען אפ די הויפט צילן פון אונזער ארבעט. זיי זענען באזירט אויף היט זיך אָפּ ניו יאָרק **2020 (Take Care New York 2020, TCNY 2020)**, דער העלט דעפארטמענט'ס בלופרינט פארן געבן פאר יעדן א געלעגנהייט צו לעבן א געזונטערע לעבן.

באזוכט nyc.gov/health אדער רופט אָן 311 אויסצוגעפינען מער איבער **TCNY 2020** אדער פאר מער אינפארמאציע איבער אנדערע העלט דעפארטמענט סערוויסעס.

### מוטיגן געזונטע קינדעריארן

- נורס-פאמיליע פארטנערשיפ
- נייגעבוירן היים באזוכונג פראגראם
- אוירלי אינטערווענשאן
- טשיילד קעיר אונטערזוכונגען

### מאכן געזונטערע געגנטער

- געזונטע היימען
- פאראנטווארטליכע פעסט אייגנטומערשאפט
- עסנווארג זיכערהייט
- נעיבערהוד געזונטהייט עקשאן צענטערס

### שטיצן געזונטע לעבנסשטייגער

- געזונט בולעטין
- עסן געזונט און לעבן אקטיוו
- טאבאקא קאנטראל
- קראנקהייט קאנטראל

### פארמערן צוטריט צו הויכע קוואליטעט באהאנדלונג

- העלט אינשורענס איינשרייבונג סערוויסעס
- געהיימע קליניקס
- כראנישע קראנקהייט פארמיידונג
- גייסטישע געזונטהייט
- רעקארדס



# מוטיקן
# געזונטע קינדעריארן

מיר זענען איבערגעגעבן צו שטיצן דאס געזונטע אנטוויקלונג פון אונזערע יונגסטע ניו יארקער.

## נורס-פאמיליע פארטנערשיפ

נורס-פאמיליע פארטנערשיפ איז א היים באזוכונג פראגראם פאר פרויען וואס זענען טראגעדיג מיט זייער ערשטע קינד. נורס באזוכונגען גייען אן ביז דאס קינד איז 2 יאר אלט. דער פראגראם איז פארפליכטעט צום פארבעסערן דאס געזונטהייט, וואוילזיין און זעלבסטשטענדיגקייט פון נידריג-אינקאם ערשטמאליגע מאמעס און זייערע קינדער. באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Nurse-Family Partnership** (נורס-פאמיליע פארטנערשיפ).

## נייגעבוירן היים באזוכונג פראגראם

די נייגעבוירן היים באזוכונג פראגראם שטיצט ערשטמאליגע מאמעס און זייערע נייגעבוירענע קינדער דורכאויס די ערשטע פאר וואכן נאכן געבורט. א פובליק העלט פראפעסיאנאל באזוכט פאמיליעס אינדערהיים צו העלפן מיט זייגן, צושטעלן געזונטהייט און זיכערהייט עצות און פארבינדן פאמיליעס מיט הילפסמיטלען. באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Newborn Home Visiting Program** (נייגעבוירן היים באזוכונג פראגראם).

## אוירלי אינטערווענשאן

די אוירלי אינטערווענשאן פראגראם שטעלט צו שטיצע פאר פאמיליעס מיט קינדער אונטער 3 יאר אלט וואס האבן אנטוויקלונגס פארשפעטיגונגען אדער דיסאביליטיס. באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Early Intervention** (אוירלי אינטערווענשאן).



## טשיילד קעיר אונטערזוכונגען

די העלט דעפארטמענט לייסענס'ד, רעגולירט און באקוקט טשיילד קעיר פראגראמען כדי צו באשיצן קינדער'ס געזונטהייט און זיכערהייט. נוצט דעם NYC Child Care Connect (טשיילד קעיר קאנעקט) סערוויס צו זוכן ערלויבטע טשיילד קעיר פראגראמען, אריינגערעכנט טשיילד קעיר צענטערן, שולע באזירטע טשיילד קעיר און זומער קעמפס. איר קענט אויך פארגלייכן אייער צענטער צו אנדערע דורכאויס דעם סיטי און\אדער זיך איינשרייבן פאר אומזיסטע טעקסט און אימעיל אפדעיטס איבער אייער טשיילד קעיר פראווײדער. באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Child Care** (טשיילד קעיר).



# מאכן געזונטערע געגנטער

מיר זענען געטריי צום מאכן אונזערע געגנטער מער זיכער און ריין.

## געזונטע היימען

די העלט דעפארטמענט אונטערזוכט היימען צו פארמינערן ענווייראנמענטל געפארן, ספעציעל וואס זענען פארבינדן מיט בליי פארגיפטיגונג און אסטמא. עס פאראייניגט זיך אויך מיט געזונטהייט, האוזינג און קאמיוניטי באזירטע ארגאניזאציעס צוצושטעלן טרענירונג און טעכנישע הילף איבער ווי אזוי צו פארמינערן בליי געפארן און אסטמא טריגערס, אזוי ווי דשוקעס און מייז, אינעם היים.

געביידע אייגנטומער ווערן געפאדערט צו פארעכטן מיט פארזיכטיגקייט שיילנדע פארב און האלטן די האוזינג פריי פון באשעפעניש. אויב איר זענט א טענענט, באריכט שיילנדע פארב אדער ראדענטס צו אייער געביידע אייגנטומער זאפארט. אויב אייער געביידע אייגנטומער פאררעכט נישט דעם פראבלעם, רופט אָן 311 אדער באזוכט nyc.gov/311.

## פאראנטווארטליכע פעט אייגנטומערשאפט

די העלט דעפארטמענט גיבט ארויס הונט לייסענסעס און רעגירט צו הונט ביסן און צו פעלער פון באשעפעניש מיט רעיביס. אין ניו יארק סיטי, דארפן אלע הונטלעך און קעצלעך באקומען זייער ערשטע רעיביס איינשפריץ אין עלטער פון צווישן 3 און 4 מאנאטן. די ניו יארק סיטי העלט קאוד פאדערט אויך אז אלע הונט אייגנטומער זאלן לייסענסן זייערע הונט און באהעפטן דעם לייסענס צעטל צו זייער הונט'ס קאלנער בשעת'ן זיין אין די עפנטליכקייט. זיך איינצוגעבן אדער באנייען אייער הונט לייסענס, באזוכט nyc.gov/doglicense אדער רופט אָן 311 צו פארלאנגען א פאפירענע קאפיע אויף פאסט.

## עסנווארג זיכערהייט

די העלט דעפארטמענט גיבט פערמיטס און רעגולירט עסנווארג סערוויס געשעפטן (food service establishments, FSE) און שטעלט צו טרעינירונג און סערטיפיקאציע קורסן פאר רעסטוראנט אייגנטומער, מאביל עסנווארג פארקויפער און זופ קיך\זומער פיטערונג ארבייטער.

די דעפארטמענט פירט אויך דורך אינספעקציעס אויף FSE אפעראציעס כדי צו פארזיכערן אז זיי קומען נאך די עסנווארג סעיפטי פאדערונגען און דער ניו יארק סיטי העלט קאוד. אויסצוגעפינען וואס דער געזעץ פארלאנגט אדער צו זען אינספעקציע צייכענונגען, באזוכט nyc.gov/health/restaurants.



## נעיבערהוד געזונטהייט עקשאן צענטערס

די העלט דעפארטמענט'ס נעיבערהוד געזונטהייט עקשאן צענטערס זענען טייל פון ניו יארק סיטי'ס פלאן צו ברענגען מער געזונטהייט און קאמיוניטי סערוויסעס צו ניו יארקער.

די עקשאן צענטערן וועלן זיך עפענען אין געגנטער מיט הויכע ראטעס פון צוקער קראנקהייט, הארץ קראנקהייט און אנדערע כראנישע קראנקהייטן. זיי וועלן אויך צושטעלן פלאץ פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און העלט דעפארטמענט שטאב צו ארבעטן אינאיינעם צו רעדוצירן געזונטהייט אומאיינינגקייטן ביים געגנט שטאפל. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Neighborhood Health Action Centers** (נעיבערהוד געזונטהייט עקשאן צענטערס).



# שטיצן געזונטע לעבנסשטייגער

מיר צילן צו מוטיגן געזונטע אויסוואלן וואס ניו יארקער קענען מאכן יעדן טאג כדי צו לעבן לענגער און געזונטער.

## געזונט בולעטין

דער געזונט בולעטין איז די העלט דעפארטמענט'ס פירנדע אויסגאבע איבער געזונטהייט טעמעס וועלכע איז נוגע אלע ניו יארקער.

רופט אָן 311 צו פארלאנגען אן אומזיסטע קאפיע אין אייער שפראך, אדער באזוכט nyc.gov/health/pubs. פאר אן אומזיסטע אימעיל סובסקריפשאן, באזוכט nyc.gov/health/pubs.

## עסן געזונט און לעבן אקטיוו

עסן געזונט און לעבן אקטיוו קען אייך העלפן פארלירן וואג, פארוואלטן סטרעס, האבן מער ענערגיע און שטעלן א גוטער ביישפיל פאר אייערע קינדער. דער העלט דעפארטמענט'ס ערנערונג פראגראמען מוטיגן אלע ניו יארקער צו עסן נארהאפטיגע עסנווארג און בלייבן אקטיוו. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Eating Healthy** (עסן געזונט).

**גיבט אויס $5 נוצנדיג EBT ביי א פארמער'ס מארקעט און באקומט א $2 Health Buck.**

Health Bucks זענען $2 קיופאנס וועלכע קענען ווערן גענוצט צו קויפן פרישע פרוכט און גרינצייג ביי אלע פארמער'ס מארקעטס אין NYC. אלע פארמער'ס מארקעטס וועלכע נעמען אן Supplemental Nutrition Assistance Program (SNAP) בענעפיטן וועלן געבן איין Health Buck פאר יעדן קונד פאר יעדע $5 וואס ווערט אויסגעגעבן נוצנדיג Electronic Benefits Transfer (EBT).



## טאבאקא קאנטראל

די העלט דעפארטמענט ארבעט איניינעם מיטן ניו יארק סטעיט Smokers' Quitline (רויכערער'ס קוויטליין) צוצושטעלן אומזיסטע סערוויסעס, אזוי ווי מעדיצינען, באראטונג און גרופע סופארט, אייך צו העלפן אויפהערן רויכערן. פאר אינפארמאציע און הילפסמיטלען, רופט אָן 311 אדער באזוכט nyc.gov און זוכט **NYC Quits** (NYC הערט אויף).

## קראנקהייט קאנטראל

די העלט דעפארטמענט באאבאכט אנשטעקיגע קראנקהייטן און אויסברוכן, ארבעט מיט קאמיוניטיס זיי צו פארמיידן, און שטעלט צו אנווייזונגען אייך צו העלפן בלייבן געזונט. פאר מער אינפארמאציע, רופט אָן 311 אדער באזוכט nyc.gov/health.



# פארמערן צוטריט
# צו הויכע קוואליטעט באהאנדלונג

מיר ווילן מאכן זיכער אז אלע ניו יארקער איינוואוינער האבן צוטריט צו הויכע קוואליטעט באהאנדלונג וואס איז פאסיג צום שפראך און קולטור.

## העלט אינשורענס איינשרייבונג סערוויסעס

די העלט דעפארטמענט'ס סערטיפייד אפליקאציע ראטגעבער קענען אייך העלפן פארשטיין אייערע העלט אינשורענס אויסוואלן און איינשרייבן אין די Medicaid, Child Health Plus, Essential Plan, אדער א פריוואטע פלאן.  הילף איז אוועילעבל אומגעוואנדען אין אייער פינאנציעלע אדער אימיגראציע סטאטוס. רופט אָן 311 אדער באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Insurance** (אינשורענס) פאר מער אינפארמאציע.

## געהיימע קליניקס

די העלט דעפארטמענט קליניקס שטעלן צו אימיוניזאציע און געשלעכטליכע געזונטהייט סערוויסעס און אומזיסטע טובערקולאזיס (Tuberculosis, TB) סערוויסעס. באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Clinics** (קליניקס) פאר מער אינפארמאציע.

## כראנישע קראנקהייט פארמיידונג

כראנישע קראנקהייטן, אזוי ווי אסטמא, צוקער קראנקהייט און הויכע בלוט דרוק קענען ווערן קאנטראלירט דורכן עסן געזונט, מאכן איבונגען און נעמען אייערע מעדיצינען. די העלט דעפארטמענט שטעלט צו סערוויסעס און הילפסמיטלען צו העלפן ניו יארקער פארמיידן אדער מענעדזש'ן קראנקהייטן.  רופט אָן 311 צו טרעפן א דאקטער, אדער פאר אינפארמאציע איבער ווייניג-קאסט צו אומזיסטע העלט אינשורענס.



### גייסטישע געזונטהייט

די העלט דעפארטמענט מוטיגט גייסטישע געזונטהייט און צוטריט צו באהאנדלונג און קעיר פאר קינדער און ערוואקסענע מיט גייסטישע געזונטהייט אדער סובסטאנץ באנוץ פראבלעמען. צו טרעפן צו טרעפן א גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאל, באזוכט nyc.gov/nycwell אדער רופט אייער העלט אינשורענס פלאן. אין אן עמערדזשענסי, רופט 911.

צו טרעפן אינפארמאציע איבער איבערדאזע פארמיידונג אדער ריינע איינשפריץ צוגעהער, באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Alcohol & Drug Use** (אלקאהאל און דראג באנוץ).

### רעקארדס

די העלט דעפארטמענט פראדוצירט און מאכט ענדערונגען צו געבורט סערטיפיקאטן און טויט סערטיפיקאטן. איר סיטיווייד אימיוניזאציע רעדזשיסטרי גיבט אויך ארויס אימיוניזאציע רעקארדס. רופט אן 311 אדער באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Certificates** (סערטיפיקאטן) אדער **Citywide Immunization Registry** (סיטיווייד אימיוניזאציע רעגיסטרי).

# ריסאורסעס



### באקומט סערוויסעס אין אייער שפראך

מיר זענען געטרייעט צוצושטעלן שפראך סערוויסעס, אריינגערעכנט שריפטליכע איבערזעצונג און אומזיסט פערזענליכע אדער טעלעפאנישע דאלמעטשונג.

באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Language Services** (שפראך סערוויסעס) געוואר צו ווערן מער. איר קענט אויך דרוקן אדער דאונלאוד'ן דעם "איך רעד" קארטל וואס איר קענט נעמען צו סיטי אגענטורן צו פארלאנגען שפראך סערוויסעס.

### ווערט געוואר מער

באזוכט nyc.gov/health און זוכט **Community Health Profiles** (פּראָפילן פון קהילה געזונט) צו ליינען א פולשטענדיגע באריכט פון אייער געגנט'ס געזונטהייט.

זוכט **Center for Health Equity** (צענטער פאַר יושר אין געזונט) געוואר צו ווערן וואס די העלט דעפארטמענט טוט צו עלימינירן געזונטהייט אומאייניגקייטן און מוטיגן ראסע און געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט.

### פארבינדט זיך

@nychealthy nychealth @nychealthy

Yiddish | January 2017